# אַ ליטעראַרישער וואַרשטאַט צו די שלושים פֿון רבֿקה באַסמאַן בן־חיים, ע״ה

פֿון בוך *לכּבֿוד איך און דו*, תּל־אָבֿיבֿ, 2006

**ליטע**

אין וואַלד, אין פֿאַרקבֿרטן וואַלד,
אין וואַלד, ווו פֿרילינג איז טויט,
וואַקסן נאָך פּאָזעמקעס רויטע.
אַז דער שניי אין זון צעגייט,
ליגן זיי נאָענט צו די טויטע.

פֿאַר דעם וואָס קומט דאָ אין וואַלד
פּאָזעמקעס קלײַבן,
באַהאַלט זיי די ערד — די טויטע
זאָלן ניט עלנט פֿאַרבלײַבן.

***

געדרוקט אין: *די גאָלדענע קייט*, תּל־אָבֿיבֿ, נומ׳ 7, 1951, ז׳ 153

זיי קומען שטילערהייט
און רירן אָן מײַן טיר,
ווערט בלאָער נאָך די נאַכט
און דורכזיכטיק — סאַפּיר.

זיי זענען אַלע טויט.
און קיינער צווישן זיי
דערציילט ניט ווי ער הייסט;
נאָר איך בײַ גראָער שויב — איך ווייס.

אַיעדן רוף איך אָן
בײַם נאָמען שטיל און קלאָר,
אַיעדן רוף איך צו
און ברענג אים זאַלץ און ברויט.
נאָר אַלע שווײַגן זיי —
זיי זענען אַלע טויט.

פֿון בוך *ליכטיקע שטיינער*, תּל־אָבֿיבֿ, 1972

**אייקאַליפּטן**

די אייקאַליפּטן־ביימער האָבן
אויסגעטריקנט גאָר דעם זומפּ
און ניט פֿאַרבליבן איז קיין טראָפּן וואַסער.
איצט שטייען זיי דאָרשטיק, אַלט און יונג,
און זוכן טרייסט אין אָוונטשייַן אין בלאַסער.

דער אָוונט ברענגט זיי אַ קאַלטן שטראַל
און קאָן דעם דאָרשט אין זיי ניט שטילן.
אין חלום זעט דער אייקאַליפּטן־בוים אַ קוואַל
ווו ס'ציט זייַן נאַקעט האַרץ
די טראָפּנס צו דערפֿילן.

פֿון בוך *דער שמייכל פֿון אַ בוים*, תּל־אָבֿיבֿ, 2016

**אַ הונט, אַ מענטש, אַ בוים**

אַ הונט, אַ מענטש, אַ בוים און אַלע שווייַגן.
דער הונט איז מיד פֿון בילן, דער מענטש פֿון לעבן,
און בלויז דער בוים כּסדר בליט.
צו זייַנע צווייַגן קומט אַ פֿויגל זינגען,
דער פֿויגל ברענגט דעם בוים אַ ליד,
און קיינער איז שוין מער ניט מיד
אין וועג צום טאָג וואָס ווערט אַ ליד.

**אַ וואָרט**

אַ וואָרט
איז אַן עפּל
אַ פֿלוים
און אַ חלום.

אַ וואָרט
קאָן פֿאַרטרײַבן
קאָן ברענגען אַהיים
בשלום.

אַ וואָרט
איז פֿרילינג
און ווינטער
און שניי.

אַ וואָרט
גלעט
און טוט וויי.

אַ וואָרט
איז אַן עפּל
אַ פֿלוים
און אַ חלום.

**אַ נאַכט**

עס האָט אין מיר גערעדט די עלטער,
זיך פֿאָרגעשטעלט ווי פֿון דאָס נײַ,
גאָר ניט באַקאַנט און אַ פֿאַרשטעלטע
ווי אָנגעטאָן אין חודש מײַ.

און איך דערהערט האָב אויף אַן אמת
פֿון אונטער דעם פֿאַרשטעלטן מײַ
איר האַרבן אָנזאָג, ניט מיט רמז
אַז וואָס געבליט האָט איז פֿאַרבײַ.

דאַן האָב איך שנעל מיט הייסע פֿינגער
אַ ריס געטאָן פֿון זיך איר קול
און צוגעזאָגט איר לערנען זינגען
דאָס ליד פֿון בלומיקן אַמאָל.

איר אויסלערנען די יונגע נאָטן,
ניט פֿעלשן דאָרט קיין איינציק קלאַנג
און ווײַזן איר ווי ס'קאָן אַ פֿרילינג
אַרײַנבלײַען אויך אין פֿאַרגאַנג.

***

איך לעב עבֿרית‎ּ

אין איר דערהויבנקייט און שיינקייט

און ס'אָטעמט ייִדיש אין מײַן יעדן גליד

אין איר עלנטער אַליינקייט.

*

די קרובֿישאַפֿט

צווישן ייִדיש און עבֿריתּ

ווי אַזוי דערקלערן?

אפֿשר, ווי טיף עס אָטעמט

ייִדיש אַרײַן אין אַ העברעיִש וואָרט,

דערוואַרעמט די אותיות,

שענקט זיי אַ ווייכערן טראָט.

און דאַן, ווען ייִדיש

דערציילט פֿאַר עבֿריתּ

אירע טרערן,

תּפֿילהן ביידע לשונות

די זעלביקע תּפֿילה

צו גאָט.

**דיַינע בילדער**

איך האָב באַקומען פֿון דיר אַ גרוס אַ קאָליריקן
פֿאַרהיט אין דיַין בילד, אַ באַריר.
טאָ ווי זאָל מיַין ענטפֿער ווערן אַ טרעריקער
די רגע פֿון בליַיבן מיט דיר.

מיט דיר אין אַ פֿאַרבנגרוס אויף די ווענט
ווען פֿרילינג האָט לאַנג שוין גענאַרט,
בין איך אין דיַינע קאָליריקע הענט
אַ פֿויגל וואָס זינגט נאָך צום האַרבסט.

פֿון בוך *לכּבֿוד איך און דו*, *תּל־אָבֿיבֿ*, 2006

צו מולעס צענטער יאָרציַיט

יאָרציַיט
ווייציַיט
וויינציַיט
ווּנדציַיט
צוריקציַיט
גליקציַיט
בליקציַיט
דאָציַיט
דוציַיט
אויסציַיט
ניטציַיט

יאָרציַיט

פֿון בוך *ליכטיקע שטיינער*, תּל־אָבֿיבֿ, 1972

**יונג־ישׂראל**

די ווײַטע „יונג־ישׂראל“ האָט זיך אויסגעטאָן פֿון צײַט
און זיך אָנגעטאָן אין אותיות פֿון אַן אַלטן אַלף־בית,
וואָס היט די סודות פֿון בטחון שטומערהייט.
עס טרעפֿט אַז אין דעם אַלטן אַלף־בית
צעזינגען זיך די אותיות אויפֿן קול
און ווי אַ צוזאָג קומט צוריק און ליכטיק דער אַמאָל.

**די גאָלדענע קייט**

גאָר אָפֿט
פֿאָר איך פֿאַרבײַ
דעם אַרײַנגאַנג
ווו געווען איז "די גאָלדענע קייט",
ווו אַבֿרהם
האָט געזאַמלט, ווי זעלטענע פּערל,
ייִדישע ווערטער,
און אַלכּסנדר
האָט זיי מסירות־נפֿשדיק
אײַנגעראַמט אין בלעטער,
בלעטער מיט ייִדישן וואָרט
שמייכלענדיק פֿאַרטרערט,
דורותדיק פֿאַרקלערט,
ייִדישע ווערטער ווי בינען
וואָס זוכן אַ בלומיקן אָרט

און שטעכן אַדורך די העברעיִשע שטאָט

מיט אַ ניצול געוואָרענעם,

פֿאַרלאָרענעם

ייִדישן וואָרט.

*

**צבֿי,**

ביסט אין שטורעם אַוועק.

פֿלעגסט תּמיד מיר זאָגן:

דו וואַרטסט אויפֿן טויט.

איך ווייס ווי דו האָסט געליטן

די שטורעמס אין לעבן

אין דײַנעם,

איצטער, אויף אייביקער רו פֿאַרביטן.

אין דער אייביקער רו

וווּ דו ביסט פֿאַרבליבן

וועלן געדענקען דיך

די ייִדישע ווערטער

וואָס דו האָסט פֿאַרשריבן.

**25.9.2014**

*

עס טרעפֿט אין מיר אַ הונגער

ווי אין יענע טעג

פֿון אויסגיין נאָך אַ ביסן,

איך דערשרעק זיך פֿאַר אַזאַ געפֿיל.

פֿאַראַן איז ברויט אין שטוב

גענוג צו עסן,

טאָ ווי פּאַסירט אין מיטן העלן טאָג

אַזאַ מין הונגעריקער הונגער?

מן־הסתּם

אויף ניט פֿאַרגעסן –

פֿון בוך *אַ בליִונג אין אַש*, תּל־אָבֿיבֿ, 2020

**טרעפּ**

די זון איז העל, די זון איז אַנדערש

ווי טרעפּ פֿאַרזונקענע אין פּײַן,

און יעדער טרעפּ — אַ טאָג פֿון וואַנדער

וואָס שלעפּט מיך טאָג־אויס, טאָג־אײַן.

צעמענטענע און גרויע

פֿאַרשלינגען אַלץ וואָס רעדט פֿון גליק,

איך שלעפּ זיך און מיט מיר מײַן טרויער

פֿרימאָרגן אַהין, בײַ נאַכט צוריק, —

צי וועל איך קענען איין מאָל פֿרילינג

בײַם לעצטן טרעפּל בלײַבן שטיין

און אויסרופֿן פֿון גאַנצן האַרצן:

— ס'איז מער קיין טרעפּ ניטאָ צו גיין.

נאַצי־אַרבעטס־לאַגער פֿאַר פֿרויען, קײַזערוואַלד, ריגע, 1943

**וואָס טוט אַ מענטש מיט זײַנע נײַנציק יאָר?**

ער הערט זיי אויף צו ציילן

ווי אויף אַ פֿאָדעם קרעלן

און זיך אַליין דערציילן

וואָס ניט צום גלייבן

די קרובֿישאַפֿט פֿון לעבן מיטן טויט.

איז, וואָס דערציילט אַ מענטש

מיט נײַנציק יאָר

ווען יאָרן ווילן ניט, ווי זאַמד

פֿאַרמעקן טריט?

דעמאָלט ווערן ווערטער פֿונקען אין זכּרון

און אין האַרץ — אַ ליד.

***

דער שמייכל פֿון אַ בוים –

זײַן פֿרוכט

וואָס זאַפֿטיקט מײַן געמיט,

איך האָב דעם זאַפֿט פֿאַרזוכט

און דאַנק אים מיט אַ ליד.